NYC Mayor's Office of Immigrant Affairs
NYC Health
NYC HEALTH+ HOSPITALS

# אפענע בריוו פאר ניו יארקער אימיגראנטן

מערץ 2025

איר האט א רעכט צו האבן העלט קעיר אין ניו יארק סיטי, אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס אדער מעגליכקייט צו באצאלן. העלט קעיר איז זייער וויכטיג און מיר ווילן איר זאלט באקומען די קעיר וואס איר דארפט איידער איר ווערט קראנק אדער איר האט אן עמערדזשענסי. איר זאלט נישט מורא האבן צו גיין צום דאקטאר, די קאמיוניטי העלט צענטער, אדער צום שפיטאל. אונזערע דאקטוירים, נורסעס, און אנדערע העלט קעיר ארבעטער זארגן זיך ווענגן אייך. פילע פון זיי זענען זעלבסט אימיגראנטן וועלכע קומען פון די קאמיוניטיס וואס זיי סערווירן און רעדן אייער שפראך. מיר זענען אלע דא פאר אייך.

NYC Health + Hospitals פארפיגן אויף די סיטי'ס 11 פובליק שפיטעלער, פינף נורסינג הייומען, און Gotham Health צענטערן אין יעדע בארא. די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט פירט אן די סיטי'ס געשלעכטליכע געזונטהייט, אימיוניזאציע, און טובערקולאסיס קליניקס און Neighborhood Health Action Centers. אונזערע העלט צענטערן און שפיטעלער האבן א לאנגע און שטאלצע היסטאריע פון זארגן זיך פאר יעדעם. עס זענען נישט דא קיין אויסנאמען.

**מיר רעספעקטירן אייער פריוואטקייט.** ווען איר באזוכט אונזערע העלט קעיר איינריכטונגען, ווערט איר נישט פארלאנגט מיטצוטיילן אינפארמאציע ווענגן אייער אימיגראציע סטאטוס צו באקומען קעיר. מיר געבן בלויז ארויס פאציענט אינפארמאציע מיט אייער צושטימונג אדער אויב ערלויבט אדער פארלאנגט דאס צו טון אין איינקלאנג מיט די געזעץ.

**אט זענען עטליכע זאכן איר זאלט וויסן ווענגן זוכן קעיר אין ניו יארק סיטי:**

- אלע קינדער, מענטשן וועלכע זענען שוואנגערדיג, און ערוואקסענע אין עלטער פון 65 יאר און עלטער קענען באקומען העלט אינשורענס, אפגעזען פון אימיגראציע סטאטוס אדער איינקונפט. אונזער שטאט איז גרייט אייך צו העלפן זיך איופשרייבן, ארייננגערעכנט אייך העלפן פארשטיין וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע איר דארפט אויסצופילן די פאפיר ארבעט. צו לערנען מער, באזוכט **.nychealthandhospitals.org/paying-for-your-health-care/**
- אויב איר קענט נישט באקומען אדער באצאלן העלט אינשורענס, קענט איר מעגליך זיין בארעכטיגט פאר NYC Care, די סיטי'ס ביליגע- אדער אומזיסטע העלט קעיר צוטריט פראגראם. באזוכט **www.nyccare.nyc** צו לערנען מער.
- NYC Health + Hospitals טוט זיך צאמפארן מיט IDNYC, די ניו יארק סיטי רעגירונג אידענטיפיקאציע קארטל אוועילעבל צו יעדעם. IDNYC איז אן אנגענומענע מיטל פון אידענטיפיקאציע פאר פאציענטן וועלכע קען גענוצט ווערן דורכאויס NYC Health + Hospitals רעגיסטראציע און טשעק-אין. IDNYC קען אויך ווערן גענוצט צו באקומען פרעסקריפשאן מעדיצין דיסקאונטס און האבן צוטריט צו אייערע וואקסינאציע רעקארדס. גייט צו **nyc.gov/idnyc** צו לערנען מער.
- **ווי אויך, זענען אנדערע סיטי סערוויסעס אוועילעבל פאר אייך, ארייננגערעכנט עסנווארג, עדיוקעישאן, לעגאלע סערוויסעס, פובליק זיכערהייט און נאך.** מיר מוטיגן ניו יארקער אימיגראנטן צו זוכן וויכטיגע ניו יארק סיטי רעגירונג הילפסמיטלען און אינפארמאציע וואס איז אוועילעבל צו זיי און זייערע פאמיליעס. באזוכט **nyc.gov/immigrants** און זוכט פאר **הילפסמיטלען** צו האבן צוטריט צו די מעיאר'ס אפיס פון אימיגראנט אנגעלעגנהייטן' אימיגראנט הילפסמיטל אנווייזונג.

**וואו איר קענט באקומען קעיר**

NYC Health + Hospitals פובליק שפיטעלער און העלט צענטערן געפונען זיך אין קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סיטי און קענען צושטעלן סערוויסעס אין אייער שפראך. גייט צו **nychealthandhospitals.org/locations** צו טרעפן א לאקאציע נעבן אייך. איר קענט האבן צוטריט צו אומזיסטע דאלמעטשונג סערוויסעס אין מער ווי 200 שפראכן, 24/7 ביי אלע אונזערע לאקאציעס. מיר שטעלן אויך צו איבערגעזעצטע מאטריאלן אין די 13 הויפט שפראכן וואס ווערן די מערסטע גערעדט דורך אונזערע פאציענטן צו פארזיכערן אז מיר קענען ענטפערן סיי וועלכע פראגעס איר האט.

ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט געשלעכטליכע העלט, אימיוניזאציע, און טובערקולאסיס קליניקס געפונען זיך אין Manhattan, Brooklyn, Bronx, און Queens, און די Neighborhood Health Action Centers געפונען זיך אין Brooklyn, Bronx, און Manhattan. באזוכט **nyc.gov/health** צו טרעפן אונזער לאקאציעס. אונזערע צענטערן האבן אויך אן אויסוואל פון סערוויסעס, פראגראמען, און אקטיוויטעטן אין מערערע שפראכן.

רופט **311** פאר א ליסטע פון אלע פובליק שפיטעלער און העלט צענטערן, אויסצוגעפונען מער אינפארמאציע וועגן הילפסמיטלען אזוי ווי NYC Care און IDNYC, אדער צו שיקן א מעסעדזש צו NYC Health + Hospitals, די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט אדער די ניו יארק סיטי מעיאר'ס אפיס פון אימיגראנטן אנגעלעגנהייטן.

עס איז אונזער ציל צו פארזיכערן אז יעדע **ניו יארקער, אן אויסנאם**, לעבט זייער געזונטסטע לעבן מעגליך.

**Mitchell Katz, MD**
פרעזידענט און CEO
NYC Health + Hospitals

**Michelle Morse, MD, MPH**
עקטינג העלט קאמישאנער
ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון העלט און גייסטישע היגיענע

**Manuel Castro, MPA**
קאמישאנער
ניו יארק סיטי מעיאר'ס אפיס פון אימיגראנטן אנגעלעגנהייטן